IN GEVEB A JOURNAL OF YIDDISH STUDIES

**די כאָלערע • Cholera, Part 4**

By Jonah Rosenfeld, translation by Rachel Mines

*In geveb: A Journal of Yiddish Studies* (June 2023)

For the online version of this article:

[https://ingeveb.org/texts-and-translations/cholera-4]

# די כאָלערע

# Cholera, Part 4

Jonah Rosenfeld
translated by Rachel Mines

**Introduction:** This is the fourth installment from Jonah Rosenfeld's "Di Kholyere" ("Cholera"), which first appeared serially in the *Forverts*, beginning September 23, 1923. The story also appears as "Di Kholyere" in the one-volume *Geklibene Verk* (New York, 1955), which is the edition used in this translation. In the story so far, neither science nor religion has been enough to protect the townspeople from the horrors of cholera. There is only one thing left to try…

# Cholera, Part 4

There was still some time to go before the wedding, but the musicians, instruments in hand, had already lined up behind the badchan in the street and mimed a silent, comical march. The fiddle-players scraped the backs of their bows against the strings while the clarinetists held their instruments to their lips and danced their fingers over the silver keys, pressing and releasing them in silence. The band set off down the street, playing their inaudible music. It was a brilliant idea, and everyone who saw the procession was overcome with hilarity: even people in mourning, unable to sit shiva because it was Sukkos, smiled as they watched the strutting, soundless pantomime. Then, when the band reached the house where the bridegroom was staying, the performers burst into a loud marching tune that lifted everyone's spirits even higher.

The musicians, still playing, filed into the house. But the music trailed off as soon as they went through the door: it was so crowded and noisy there was no room to play. The house was packed with little kids, the bridegroom standing in their midst with a flustered expression. He looked completely lost – it was clear he had no idea what to do with himself or with the gang of children besieging him. He stood there helplessly, all dressed up for his wedding, looking more like a fool than ever, as if he'd suddenly lost his sense of self, his sense of being Senderl, and become something else, and he didn't know what that something else was – whether it was better than the old Senderl, or worse. He stood there like a newborn baby with no identity, his clothes disheveled, hands hanging limp at his sides. The musicians chased out the kids, who banged and clattered through the door, scrambled out the windows, and stood around the house yelling and screaming.

A bit later, when the adults started to arrive, things quieted down. Even the children began to feel the gravity of the moment: this wedding was no joke, but a very serious matter indeed. As each man entered the room with the self-important air of a father-in-law, the band greeted him with a hearty rendition of "Mazel Tov," to which the badchan replied dramatically – like all badchans at all weddings – "Now *that* was an excellent 'Mazel Tov,' performed in honor of Reb … ," adding the name of each new arrival in turn.

The groom was seated at the head of the table, surrounded by the wealthiest and most pious men, everyone drinking whiskey, making toasts, and eating honey cake. The same thing was happening at the bride's house – Yenta was surrounded by women, all of them making a fuss over her. Men pushed to get closer to Senderl and women pushed to get closer to Yenta. Everyone was eager to partake in the mitzvah of honoring the couple and even more eager to earn the heavenly merit to escape the plague – may God help them all!

***

A few hours before nightfall, the musicians struck up the wedding march. The bridegroom and his visitors, with braided havdalah candles flickering and smoking in their hands, left the house. Senderl, in a black frock coat worn over a white robe that

peeked out at the throat and below the hem, looked like a widower about to marry his second wife. Some ways behind him, a group of women led the bride, her face veiled with a white folded scarf. The couple and their escorts were accompanied by the entire Jewish population of the town, from children to old folks, with the poles of the chuppah swaying above the heads of the procession. Their feet trod up dust that swirled around their heads like thick fog, and in the dust, twining and interlacing, were long strands of smoke from the havdalah candles, curly as *peyes*. The band played lustily. Joy and sorrow intermingled: the happy couple was on their way to the cemetery, to the place where the dead were buried, to be married under the chuppah, and everyone's eyes were drawn to the tall poles that stuck up over the heads of the crowd—for some reason they looked a bit different this time…

Within minutes, the cemetery was full of people. Most of the crowd, too impatient to wait to squeeze through the narrow gate, had clambered over the fence, from boys to adult men.

Everyone wanted to get near the chuppah for a close view of the bride and groom, and to see their expressions as they were married. Some kids climbed trees and perched in the branches. Here and there among the crowd you could hear the words of *El Maleh Rakhamim*, sung with all the embellishments – people were praying for the couple's parents.

The four poles of the wedding canopy were separated. The canopy was fastened to each pole by the corners, and the chuppah was held aloft. The bride and groom were escorted beneath, where they recited the psalms "Teach us to number our days" and "The vanity of worldly riches" seven times each. After the ceremony was over, the musicians struck up a march. The couple walked arm in arm back to town, and just as before, when everyone wanted to be first in the cemetery, now no one wanted to be last, and they all scrambled out over the fence.

It was still broad daylight, but everyone knew evening would soon fall. The sun stood in the west, just as clear and pure as when it had risen that morning: surely a warm night would follow this lovely, heaven-sent day. The townspeople walked back with complete faith that an end had come to the plague. And though they were far from being dancers or carousers, each person laid a hand on another's shoulder, right there in the middle of the street, and they all danced straight into the synagogue, where tables and benches were being set up, to spend the entire night in celebration.

# די כּאָלערע

מ׳איז נאָך ווײַט נישט גרייט געווען צו דער חתונה און די קאַפּעליע מיטן בדחן אָן דער שפּיץ האָבן זיך באַוויזן אין דרויסן מיט זייערע כּלים. די חבֿרה לצים האָבן אויף שטום־לשון אַ שטומען מאַרש געשפּילט. די פֿידל־שפּילער זײַנען געפֿאָרן מיט די רוקנס פֿון זייערע סמיקעס אויף די סטרונעס און די קלאַרנעטשיקעס האָבן געהאַלטן די קלאַרנעטן אין די מײַלער און געאַרבעט מיט די פֿינגער, די פֿינגער זײַנען געשפּרונגען און געטאַנצט אויף די זילבערנע פּאַנצערלעך אויפֿן קלאַרנעט, וואָס האָבן זיך געהויבן אַרויף און אַראָפּ. דאָס איז געווען אַ פֿײַנער אײַנפֿאַל, אָט דאָס, וואָס אַלע צוזאַמען זײַנען געגאַנגען און האָבן פּאַנטאָמימעדיק געשפּילט. ווער ס׳האָט עס געזען, האָט עס בײַ אים אַרויסגערופֿן אַ שטורעם פֿון פֿרייד אין האַרץ. אַבֿלים, וואָס זײַנען נאָר אַ דאַנק דעם יום־טובֿ קיין שיבֿעה נישט געזעסן, האָבן זיך צעשמייכלט, צוקוקנדיק ווי די חבֿרה גייען און שפּילן נישט. און צוקומענדיק צו דער טיר פֿון דער שטוב, ווו דער חתן איז אײַנגעשטאַנען, האָבן זיי מיט אַ מאָל אַ טראַסק געטאָן אַרויס מיט אַ מאַרש, און צענדליקער הערצער האָבן אַ צאַפּל געטאָן פֿון גרויס שׂימחה.

די קאַפּעליע האָט זיך אַרײַנגעלאָזט אין שטוב מיטן מאַרש, וואָס איז, אָבער, גלײַך איבערגעריסן געוואָרן. דאָרטן איז געווען אַזוי ענג און רעשיק פֿון קליינוואַרג, אַז ס׳איז נישט געווען קיין פּלאַץ פֿאַר די מוזיקאַנטן און פֿאַרן שפּילן, פֿאַר זייערן. און אין מיטן, צווישן דעם קליינוואַרג, איז אַ מבֿולבלדיקער, אַ צעמישטער געשטאַנען דער חתן און, קענטיק, נישט געוווּסט ווו זיך אַהינצוטאָן, וואָס מיט זיך צו טאָן און וואָס צו טאָן מיט דער חבֿרה קליינוואַרג, וואָס האָבן אים באַלאַגערט. ער איז געשטאַנען, דער חתן, שוין חתנדיק און חתונהדיק אָנגעטאָן, און ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז ער איז נאָך אַ גרעסערער „תּם“ געוואָרן, ווי ער איז געווען. ער האָט גאָר פּלוצלינג זײַן „איך,“ דעם סענדערישן, פֿאַרלוירן און איז געוואָרן עפּעס אַנדערש, און דער עפּעס־אַנדערש, ווייסט ער נישט, צי ס׳איז עפּעס אַ העכערע מדרגה פֿון סענדערלען, צי נאָך אַן ערגערע. ער האָט נישט געוווּסט, וואָס ער איז. עפּעס גאָר ווי אַ נײַ־געבוירענער.

ער איז געשטאַנען מיט אַראָפּגעלאָזענע הענט, אַ צעכראַשטשעטער. די קלעזמאָרים האָבן אָנגעהויבן אַרויסצוטרײַבן דאָס קליינוואַרג פֿון שטוב. מיט רעש און געפּילדער איז דאָס קליינוואַרג געפֿלויגן דורך טיר און פֿענצטער און – געבליבן שטיין הינטער טיר און הינטער פֿענצטער – דאָרטן זיך פֿאַרנומען צו ליאַרעמען און שרײַען. שפּעטער, אָבער, אַזוי גלײַך ווי עס האָט זיך איין ייִד און אַ צווייטער געוויזן, איז געוואָרן שטילער און רויִקער. קליינוואַרג, אַפֿילו, האָבן אָנגעהויבן צו פֿילן די ערנסטקייט פֿון מאָמענט, אַז נישט צוליב לצנות גייט מען עס חתונה מאַכן אָט דאָס פּאָרל, אַז ס׳איז צוליב זייער אַ וויכטיקער זאַך.

אַ ייִד נאָך אַ ייִד איז אָנגעקומען מחותּנדיק, און יעדן ייִדן האָט די קאַפּעליע באַגעגנט מיט אַ גאַנץ פֿײַנעם מזל־טובֿ, און נאָך יעדן אָפּגעשפּילטן מזל־טובֿ האָט דער בדחן אויסגערופֿן, – ווי אַלע בדחנים רופֿן אויס אויף אַלע חתונות, אַזוי האָט דער בדחן נאָך יעדן אָפּגעשפּילטן מאַרש אויסגערופֿן:

„האָט דאָס איז געווען אַ גאַנץ פֿײַנער מזל־טובֿ אָפּגעשפּילט לכּבֿוד...“

מען האָט באַזעצט דעם חתן אויבן אָן, און אַרום אים האָבן זיך אַרומגעזעצט די חשובֿסטע, פֿרימסטע באַלעבאַטים, און מ׳האָט געטרונקען בראָנפֿן, געטרונקען לחיים און פֿאַרביסן מיט לעקעך. און פּונקט ווי דאָ, בײַם חתן, זײַנען געזעסן ייִדן און מקבל־פּנים געווען דעם חתן, אַזוי זײַנען דאָרט, בײַ דער כּלה, געזעסן ווײַבער און מקבל־פּנים געווען די כּלה. ס׳האָט זיך יעדער איינער און יעדע איינע געשטופּט צו כאַפּן אַ שטיקל מיצווה און אין דעם זכות ניצול צו ווערן פֿון דער אָנגעשיקטער מגפֿה, רחמנא־לצלן.

***

ס׳איז נאָך געווען אַ פּאָר שעה צו נאַכט, ווען די קאַפּעליע האָט געגעבן אַ קלאַפּ דעם חופּה־מאַרש. מיט הבֿדלות, וואָס האָבן געפֿלאַקערט פֿײַערדיק און רויכיק, האָבן זיך אַרויסגעשאָטן עטלעכע ייִדן מיטן חתן אין דער מיט. דער חתן, אין אַ שוואַרץ־געוואַנטענער קאַפּאָטע, מיט אַ ווײַסן קיטל, וואָס האָט אויבן און אונטן ווײַס אַרויסגעקוקט, האָט אויסגעזען, ווי אַן אַלמן, וואָס גייט אַ צווייטן מאָל חתונה האָבן. ווײַטלעך פֿון הינטן האָבן ווײַבער געפֿירט די כּלה, דאָס פּנים פֿאַרדעקט אַריבער דער נאָז מיט אַ טאָפּלטער, צונויפֿגעלייגטער, ווײַסער פֿאַטשיילע. מיט חתן־כּלה און מיט ייִדן און ווײַבער, וואָס האָבן חתן־כּלה געפֿירט, איז מיטגעגאַנגען דאָס גאַנצע שטעטל, גרויס און קליין, און פֿון גערדיכטן עולם אַרויס האָבן אַרויסגעשטאַרצט, העכער פֿון עולם און העכער פֿון די קעפּ, די

חופּה־שטאַנגען. אַ שטויב, ווי אַ געדיכטער נעפּל, האָט זיך אויפֿגעהויבן איבער קעפּ און מענטשן, און אין שטויב האָבן זיך ווי לאַנגע פּאות געקרײַזלט און געשפּיצט די רויכן פֿון די הבֿדלות. די קאַפּעליע האָט געשפּילט, זיך געריסן אויף אַלע כּלים. און ס׳איז געווען אַ געמיש פֿון אומעט און פֿריילעכקייט. אַ לעבעדיק פּאָרפֿאָלק האָט מען געפֿירט אויפֿן בית־עולם, געפֿירט אַהין, וווּ מען באַגראָבט, אַ חופּה שטעלן, און ס׳האָט געצויגן צו קוקן אויף די חופּה־שטאַנגען, וואָס האָבן פֿונעם עולם אַרויסגעקוקט. ס׳האָט זיך יעדערן געדאַכט, אַז זיי זעען אויס עפּעס אַנדערש ווי אַלע מאָל.

דער בית־עולם איז באַשאָטן געוואָרן מיט לעבעדיקע מענטשן. די גרעסטע צאָל האָט אַריבערגעקלעטערט איבערן פּאַרקאַן, ווײַל דורכן שמאָלן טירעלע וואָלט אויסגעקומען זייער לאַנג צו וואַרטן, ביז וואַנען אַלע וואָלטן זיך דורכגעשטופּט. ס׳זײַנען געקראָכן איבער די פּאַרקאַנעס ייִנגלעך און ייִדן מיט בערד. ס׳האָט יעדערער געוואָלט זײַן נאָענט צו דער חופּה און צו חתן־כּלה, געוואָלט זען די פּנימער זייערע, וואָס פֿאַר אַ פּנים זיי וועלן האָבן אונטער דער חופּה. ביימער און צווײַגן זײַנען באַשאָטן געוואָרן מיט לעבעדיקע חבֿרה. און פֿון ערגעץ, דאָ און דאָרט, פֿון אַ פּאָר ערטער און ווינקלען, האָבן זיך געלאָזט הערן געגרײַזלטע „אל־מלאס.“ דאָס האָט מען חתן־כּלהס עלטערן די אל־מלאס געמאַכט.

פֿונאַנדערגענומען די פֿיר חופּה־שטאַנגען און פֿירעקיק די חופּה אַוועקגעשטעלט, האָט מען חתן־כּלה אַרונטערגעפֿירט אונטער דער חופּה און מ׳האָט געזאָגט זיבן מאָל „ויהי נועם,“ און זיבן מאָל איבערגעזאָגט דאָס קאַפּיטל תּהילים „למנצח לבֿני קורח מיזמור, שימעו זאת כּל העמים.“ און נאָך דער חופּה האָט די קאַפּעליע ווידער אַ קלאַפּ געטאָן אַ מאַרש, חתן־כּלה זײַנען צוריקגעגאַנגען געאָרעמט, און פּונקט ווי פֿריִער האָט יעדערער געוואָלט זײַן אויפֿן בית־עולם פֿון די ערשטע, האָט זיך יעדער איינער נאָך דער חופּה געאײַלט נישט צו בלײַבן פֿון די לעצטע, און מ׳איז אײַלנדיק געשפּרונגען איבער די פּאַרקאַנעס.

ס׳איז נאָך געווען גרויסער טאָג, אָבער ס׳האָט זיך שוין געפֿילט דער פֿאַרנאַכט. די זון איז אין מערבֿ־זײַט געשטאַנען אַלץ נאָך אַזאַ קלאָרע און אַזאַ לויטערע, ווי זי האָט זיך אין דער פֿרי אין מיזרח באַוויזן. און ס׳האָט זיך געשפּירט, אַז נאָכן „געשענקטן“ שיינעם, וואַרעמען טאָג גייט זײַן אַ וואַרעמע נאַכט. און ס׳איז יעדערער געגאַנגען מיטן פֿולן בטחון, אַז צו דער מגפֿה איז אַ סוף געקומען. און ווײַט נישט קיין טאַנצנדיקע און נישט קיין „הוליאַקעס“ האָבן געכאַפּט אַ טענצל נאָך אין מיטן גאַס, איינער אויפֿן צווייטן האָבן האַנט אויף אַקסל פֿאַרלייגט און אַזוי אַרײַנגעטאַנצט אין שול אַרײַן, דאָרט, וווּ מ׳האָט ערשט אָנגעהויבן צונויפֿשטעלן טישן מיט בענק און וווּ דער עולם האָט זיך ערשט פֿאַרנומען אויף אַ גאַנצער נאַכט זיך משׂמח צו זײַן.